בס"ד

# תורת אביגדור

## פר' פנחס
שנה ג'

משיעורי ליל שישי של הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל

# לעבן אויף אייביג

## חלק א' - דאס לעבן אויף די וועלט

### א ירושה אין די משפחה

אין די וואכעדיגע סדרה לערנען מיר די דינים פון ירושה: אִישׁ כִּי יָמוּת... - ווען א מענטש שטארבט, וְהַעֲבַרְתֶּם אֶת נַחֲלָתוֹ - דארף מען איבערגעבן זיין נחלה צו זיינע קינדער. עס איז דא א סדר פון ירושה; ווער עס באקומט ערשט, ווער ס'באקומט די צווייטע און אזוי ווייטער - זייער פיל בלעטער אין ש"ס זענען פול מיט די הלכות. דער עיקר וואס מ'זעט פון די הלכות איז, אז וּנְתַתֶּם אֶת נַחֲלָתוֹ לִשְׁאֵרוֹ הַקָּרֹב - מען זאל געבן זיין ירושה צו זיין נאנטסטער קרוב אין זיין פאמיליע (פנחס כז: ט,יא).

וואס איז דער ענין פון ירושה? מענטשן זאגן, "ס'איז זייער לאגיש א זון זאל ירש'נען זיין טאטן'ס נחלה. אפילו גויים ווייסן דאס. וואס דען זאל מען טון מיט זיין נחלה? זאל עס דען זיין פריי פאר יעדן? יעדער זאל קומען כאפן וואס זיי ווילן?!"

עס פלעגן גרעדע זיין געוויסע פארצייטישע שבטים וועלכע האבן אזוי געטון.

### נידריגע אינדיאנער פירונגען

יעדער ווייסט אז ווען קאלומבאס האט אנטדעקט אמעריקע האט ער דארט אנגעטראפן פיל אינדיאנער שבטים, וואס טייל פון זיי האבן געהאט "הערליכע" פירונגען וואס זענען געווען פרעמד צו די אייראפעישע.

לאמיר זיך א וויילע צוהערן צו א געוויסער פראפעסאר מיטשינער - וועלכער באטראכט זיך אלס אן אויטאריטעט אויף אינדיאנער קאלטור - און הערט ווי אזוי ער ערקלערט דער פראצעדור פון ירושה. אט האבן מיר אן אינדיאנער קעמפער וועלכער האט פארלוירן זיין לעבן צו ראטעווען זיין שבט. ער האט זיך געקריגט הערואיש אבער נעבעך, ער האט פארלוירן זיין לעבן. ווי אזוי האבן זיי אים באערדיגט? זיי האבן אים געלייגט אויף א האלצערנע בעט, אזוי האט מען אים געפירט אין וואלד און ארויפגעלייגט אויף א פון פאראויס צוגעגרייטער בוים-קבר. זיי האבן אראפגעשטעלט דעם בעט אויפ'ן בוים און אים דארט געלאזט ליגן פאר די פייגלעך צו קומען און הנאה האבן פון א פיינע סעודה. אזוי איז צוגעגאנגען דעם העלד'ס באערדיגונג.

### געענדיגט מיט'ן געצעלט

דערנאך, דער קעמפער האט איבערגעלאזט אן אלמנה און קינדער אין זיין געצעלט. וואס האט פאסירט מיט זיין אלמנה? זאגט דער פראפעסאר מיטשנער, מיט אן אנטשולדיגונגס באמערקונג, אז עס איז געווען אן "אכזריות'דיגער און ברוטאלישער געזעץ אויף די איבערבלייבענישן." באלד ווי מען האט געענדיגט די באערדיגונגס צערעמאניע, האבן אלע פרויען פון דעם שבט זיך אראפגעלאזט איבער די פאר'אבל'טע

בעריכה מיוחדת גליונות לשבת קודש

אלמנה און צוגערויבט יעדער לעצטער חפץ וואס זי האט פארמאגט.

דאס איז געווען א געזעץ - עס איז נישט געווען קיינער וואס זאל איר באשיצן, עס איז געווען דער געזעץ וועקצונעמען יעדער שטעקן און שוך בענדל וואס זי האט פארמאגט. זיי האבן אוועקגענומען אלעס - אירע געשיר, אירע עסצייג, אירע נייען געצייג - מען האט איר גארנישט איבערגעלאזט אויסער אירע קליידונג אויף איר לייב.

זיי האבן אפילו אוועקגענומען איר היים; זיי האבן צענומען איר געצעלט און זי איז פארבליבן היימלאז אינמיטן ווינטער. און קיינער האט נישט איינגעלאדנט די אלמנה צו זיך אהיים; דאס וואלט געווען קעגן זייער מנהג. איז וואס האט זי געטון? זי איז געגאנגען וואוינען צווישן די פערד אין שטאל, אין א פרואוו זיך צו דערהאלטן ביים לעבן אביסל לענגער, און אינדערפרי האט מען איר געפונען געפרוירן צום טויט.

דאס איז געווען ׳הלכות ירושה׳ פון די אינדיאנער שבטים. דאס איז געווען דער שטייגערליכער פראצעדור - עס איז נישט געווען אזא זאך ווי ירושה.

## א טיפערע אויף ירושה

און דער אמת איז, פארוואס זאל יא זיין? וואס האט א מענטש מיט זיין פארמעגן נאכ׳ן פארלאזן די וועלט? ער איז א טויטער - ער פארמאגט שוין גארנישט. פארוואס זאל מען נישט זאגן, א מענטש שטארבט - ער איז א געענדיגטער. פארוואס דארף זיין אייגנטום אריבערגיין דוקא צו זיין משפחה? אלעס איז יעצט הפקר! קיין זאך געהער מער נישט צו אים. אזוי ווי די הלכה ביי ׳גר שמת׳, א גר וואס שטארבט אן קיין פאמיליע מיטגלידער, דאן זאגט מען ביזביזא ישראל נחשב - יעדער קען קומען און נעמען זיין אייגנטום! וואלט אפשר אזוי געדארפט זיין אפילו אויב עס זענען דא יורשים; ער האט געענדיגט מיט די וועלט, פארוואס זאל זיין אייגנטום בלייבן פארבונדן מיט אים אדער זיינע קינדער?

וועט איר מיר דערציילן איבער די פעלקער וועלכע האבן יא געזעצן פון ירושה, א גאנג מיט א סדר פון ווער עס באקומט וואס - צוערשט קומט די רעגירונג, וועלכער קומט און גזל׳ט אוועק דיין שווער פארדינטע געלט, דערנאך קומט דער אדער יענער משפחה מיטגליד וואס באקומט די איבריגע טיילן. ירושה איז א לאגישע זאך, טראכט איר, "פארוואס נישט? פיל פון די אומות העולם האבן געזעצן פון ירושה און אזוי האבן מיר אויך געזעצן פון ירושה."

דאס איז נישט א ריכטיגער בליק אויף די זאך; ס׳איז זייער נישט ריכטיג. ס׳איז דא פיל מער צו די הלכות פון ירושה ווי בלויז דער סדר פון אויסטיילן יענעמ׳ס געלט; ס׳איז מער ווי בלויז אז די קינדער זאלן געניסן פון דאס שווער פארדינטע געלט פון זייערע עלטערן. עס איז דא אין דעם א פיל טיפערער ציל וואס דער באשעפער וויל דערמיט.

און ס׳איז נישט בלויז אז די תורה לערנט אונז צו האבן רחמנות, זארגן אויף די אלמנה און יתומים. דאס איז אויך ריכטיג, אבער די תורה לערנט אונז דערמיט א שטארקע לערע - דער באשעפער וויל מיר זאלן וויסן אז איינער וואס האט פארלאזט די וועלט קוקט אראפ צו זען וואס מ׳טוט מיט זיין אייגנטום, מיט זיין געלט. ער איז אייגנטליך אינטערעסירט אין וואס עס טוט זיך!

## אבזערווירן פון אויבן

וועט איר זאגן, "אבער ער איז יעצט אין עולם הבא!" ער זעט אצינד אז עולם הזה איז גארנישט; יעצט ווייסט ער אז אלעס איז געווען בלויז אן אויג פארבלענדעניש און דערפאר מיינט עס יעצט גארנישט צו אים. ווער טראכט בכלל פון אזעלכע זאכן?! ווען מען גייט אן אז זיין זון זאל האבן זיין געלט?! וואספארא חילוק מאכט עס יעצט צו אים?

ניין! דער פסוק לערנט אונז דא אז עס מיינט גאר אסאך צו אים. ער אבזערווירט, ער איז גאר שטארק אינטערעסירט. ער וויל אז זיינע זין זאלן האבן זיין אייגנטום!

פאר פיל מענטשן וועט דאס זיין א חידוש, אבער ס׳איז קיין שאלה נישט אז ס׳איז דא א זיכערע פארבינדונג פון די נשמה צום עולם הזה. נישט נאר א פארבינדונג, נאר די נשמה ציהט צום עולם הזה מיט זיין גאנצער כח. א מענטש אפילו נאך וואס ער פארלאזט די וועלט טוט ער ווייטער פארזעצן צו בענקען צום עולם

הזה, צו האבן עפעס א פארבינדונג מיט די וועלט. די נשמה בלייבט שטארק אינטערעסירט אין וואס זי האט געלאזט נאך זיך.

## די גרויסע מעלה פון עולם הזה

און דאס איז ווייל אין די טיפקייט פון די נשמה שפירט יעדער אז אין עולם הזה ליגט פארהוילן א גרויסער סוד. עולם הזה האט עפעס וואס עולם הבא שטעלט נישט צו; ס'איז דא א געוויסע מעלה אויף די וועלט וואס האט נישט קיין פארגלייך אפילו אין עולם הבא.

וואס איז דא אין עולם הזה אז די נשמה וויל זיך נישט גענצליך אפטיילן דערפון? דער ענטפער איז, אז בלויז אין די קורצע לעבן אויף די וועלט האבן מיר די מעגליכקייט צו 'אויסוועלן'. "ובחרת בחיים," זאגט דער באשעפער. "וועל אויס לעבן!" נישט נאר דו קענסט, נאר איך באפעל דיר, איך מוטיג דיר - "וועל אויס לעבן".

די גרויסע מתנה אין עולם הזה איז 'בחירה', א פרייער ווילן - די מעגליכקייט צו אויסוועלן צו ווערן בעסער. דאס איז דער ציל אין לעבן. ווי דוד המלך האט געזאגט, לֹא הַמֵּתִים יְהַלְלוּ קָהּ - די טויטע וועלן נישט לויבן דעם באשעפער (תהלים קטז:יז). איז פרעגן מיר, מה קא משמע לן - וואס זאגט אונז דא דוד המלך? פארשטייט זיך אז די טויטע וועלן מער נישט לויבן דעם באשעפער; צי דארף אונז דוד המלך דאס זאגן?

דוד המלך זאגט, "האב מורא פונעם טויט! צו שטארבן?! דאס איז די לעצטע זאך וואס מיר ווילן טון אין אונזער לעבן!" ווייל דער טויט מיינט, דו שטעלסט זיך אפ - נישט דוקא אז דו הערסט אויף צו אטעמען; עפעס פיל ערגער ווי דאס - דו הערסט אויף צו דינען דעם באשעפער. דיין מעגליכקייט צו אויסוועלן ענדיגט זיך אויף אייביג.

## משה רבינו בעט זיך

ווען דער באשעפער האט געזאגט פאר משה רבינו, הֵן קָרְבוּ יָמֶיךָ לָמוּת - דער סוף פון דיינע טעג דערנענטערט זיך; צי האט דען משה רבינו אנגענומען די נייעס גלייכגילטיג? ניין! ער האט געמאכט א גרויסן עסק דערפון! ער האט איינגעריסן וועלטן! וָאֶתְחַנַּן אֶל ה' - "איך וויל נישט שטארבן!"

ווייל משה רבינו האט געוואוסט אז ס'איז א געוואלדיגע זכי' צו לעבן אויף די וועלט! יָפָה שָׁעָה אַחַת בִּתְשׁוּבָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים בָּעוֹלָם הַזֶּה, מִכָּל חַיֵּי הָעוֹלָם הַבָּא - ס'איז בעסער איין שעה פון תשובה און גוטע מעשים אויף די וועלט, ווי דאס גאנצע לעבן אויף יענע וועלט! (אבות ד:יז). משה רבינו וואלט אלעס אויפגעגעבן צו קענען צוריק אראפקומען אויף די וועלט פאר בלויז איין מינוט; ער וואלט אפילו אויפגעגעבן א גרויסן טייל פון עולם הבא, צו זיין נאך איין מינוט אויף די וועלט. אזוי טייער איז יעדע רגע אויף די וועלט! יעדע מינוט איז א דיאמאנט ווייל ס'איז א גלענצנדע געלעגנהייט פון קונה זיין. אויב דאס מיינט אז דו קענסט לערנען בלויז נאך איין שורה פון גמרא אדער אריינלייגן נאך איין פרוטה אין צדקה, איז עס ווערד.

## בעסער פון די גרעסטע הנאה

אלזא, עס איז קיין ספק נישט אז מיר וועלן זיין צופרידן מיט עולם הבא. מיר וועלן זיין זייער גליקליך אויף יענע וועלט. אויב מיר זאלן זיך דאס נאר קענען פארשטעלן וואלטן מיר נישט אויסגעהאלטן פון ערוואַרטונג. די הנאה פון עולם הבא וואלט אויפגעפלאצט יעדן אדער פון התרגשות. די גמרא זאגט אז דאס גליק וואס מען שפירט דארט איז אזוי גרויס אז דער באשעפער דארף געבן כח פאר די צדיקים אין עולם הבא אז זיי זאלן עס קענען אויסהאלטן - אזוי געוואלדיג איז עס.

און פונדעסטוועגן, כאטש וואס די נשמה איז ספעציעל באשאפן געווארן אויף צו לעבן אין עולם הבא, אפגעטיילט פון דעם קערפער און אפגעטיילט פון די וועלט, און כאטש וואס די נשמה האט א געוואלדיגער תענוג אין עולם הבא, דאך וויל די נשמה לעבן וואס לענגער אויף די וועלט.

מיר ווילן לעבן ווייל מיר האבן נאך אזויפיל אויפצוטון - עס איז קיינמאל נישט גענוג, ווייל ווי מער מען טוט אויף די וועלט אלץ מער לייגט מען אוועק פאר זיך צו דאס נצחיות'דיגע לעבן אין עולם הבא. יעדער טאט וואס מען טוט דא אונטן, אפילו די קלענסטע מצוה, איז איינגעקויפט חיים נצחי, עס איז אויף אייביג און אייביג.

# חלק ב׳ - לעבן אויף אייביג דורך די קינדער

## הייליגע פארמעגנס

אלזא, איינע פון די שטארקסטע אופנים ווי אזוי א מענטש קען גוט אויסניצן זיין כח הבחירה איז דורך זיין אייגנטום וואס ער פארמאגט אויף די וועלט. סיי וואס עס זאל זיין; געלט, א קאר, א הויז, ווען א מענטש פארמאגט זאכן, איז זיין אייגנטום א מיטל צו קענען אויפטון געוואלדיגע זאכן אויף די וועלט.

לאמיר זאגן דו האסט א הויז. אין די הויז, צום אלעם ערשטן, לייגסטו ארויף מזוזות. וואספארא זכות איז דאס צו נעמען א פשוט׳ע הויז און ארויפהאקן מזוזות אויפ׳ן שוועל. מענטשן זענען שוין צוגעוואוינט צו די מזוזות ביי זייערע טירן און מיט די צייט פארגעסן זיי אינגאנצן דערפון. אפשר קושן זיי די מזוזה ביים אריבערגיין דעם שוועל. זייער גוט; הערליך. אבער דאס איז נישט גענוג.

די מזוזה דערציילט דיר עפעס. עס זאגט, ״דאס הויז איז מוקדש פאר׳ן באשעפער!״ שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה׳ אֱלֹקֵינוּ ה׳ אֶחָד! דער באשעפער איז דער איינער און אייניציגסטער מציאות אין אונזער לעבן! אלעס אין די הויז איז געאייגנט צו דינען דערמיט דעם באשעפער! אהא! דו ביסט מכניס אורח אין די הויז. דו זיצט אין דיין הויז און עפנסט א ספר צו לערנען. דו זאגסט ברכת המזון אין די הויז - דו ביסט מקיים אלע מצוות דאורייתא און מצוות דרבנן. דאס מיינט, מיר וועלן אויס צו ניצן אונזערע נכסים, אונזערע ווערדפולע זאכן אין די וועלט פאר דיר, באשעפער!

יעדע איינצלהייט אין די הויז איז אונטערגעווארפן די דינים פון די תורה און די מאמע פירט עס ווי א כהן גדול אין דעם קודש הקדשים. אלעס דארף זיין כשר - און כשר באדייט אזויפיל זאכן; מילכיגס און פליישיגס און פארעווע. דו גייסט אריין אין קאך און פרעגסט דיין ווייב, ״איז דאס א פליישיגער גאפל אדער א מילכיגער גאפל?״ עס איז א מקום קדוש - אפילו די עסצייג זענען הייליג. ס׳איז א הויז וואו יעדער אידישער מאן און פרוי טוט נאכאנאנד זיך אנגרייטן חיים נצחי, אן אייביגע לעבן.

## דער אריבערגאנגס טאג

אלזא, דער מאן אדער פרוי האט געלעבט א לאנגע פרומע לעבן, ברוך ה׳; אן ערפאלגרייכע ערליכע לעבן. איר זאלט אלע זוכה זיין צו לעבן זייער לאנגע און ערליכע לעבנס, איר זאלט זיין געזונט און פרייליך אין אייער היים און זען נחת פון אלעמען. אבער די צייט קומט נאך 120 יאר ווען מיר דארפן אלע פארלאזן אונזער הויז. אוי וויי! ס׳איז א גרויסער צער! ווייל אזא הויז וועט איר נישט האבן אין עולם הבא. נישטא קיין מילכיגס און פליישיגס אין עולם הבא! אוי נייין! נישטא קיין ברכות, נישטא קיין נטילת ידים. אויף די וועלט קומסטו ארויס פון בית הכסא און זאגסט א שיינער הויכער אשר יצר! נישטא קיין בית הכסא אין עולם הבא! אוי וויי! נישטא קיין אשר יצר אין עולם הבא!

ווילאנג מיר לעבן, שפירן מיר אפשר נישט דאס חשיבות פון אויספירן די זאכן - ווילאנג דו קענסט זאגן אשר יצר ווייסטו נישט צו שעצן די געלעגנהייט - אבער ווען די צייט קומט זיך צו געזעגענען פון די וועלט, מיטאמאל אנטדעקסטו וואספארא געוואלדיגע זאך דו האסט געהאט און דו גייסט אט פארלירן. לעבן! די געלעגנהייט צו דינען דעם באשעפער און זיך אויסארבעטן! מיטאמאל ווערסטו איבערגענומען פון די באוויסטזיניגקייט צו דאס וואס דו האלטסט ביים פארלירן!

אלזא, זייט נישט צו טרויעריג ווייל עולם הבא איז אן ארט פון שמחה; דארט וועלן זיין בעסערע זאכן ווי אשר יצר׳ס; אבער סיי וואס עס וועט זיין, איז דאך א גרויסער פארלוסט זיך צו דארפן געזעגענען פון א אידישע היים, זיך געזעגענען פון עולם הזה. וואספארא גוטע זאך איז דאס! און יעצט דארף איך זיך געזעגענען?! דאס הארץ ווערט צעבראכן פון טרויער.

## די אברים לעבן ווייטער

אבער ס׳איז דא גוטע נייעס אויפ׳ן האריזאנט. די גמרא (עירובין ע:) זאגט, יורש כרעיה דאבוה הוא - א זון, איינער וואס ירש׳נט אייגנטום, איז ווי דער פוס פון זיין פאטער. דאס איז א געוואלדיגע לערע.

אצינד, לאמיר נישט טראכטן אז דאס איז בלויז א פארשטעלונג, א משל - ס'איז א מציאות, ס'איז א פאקט. און ס'איז באזירט אויף פשוט'ע לאגישקייט, פסוקים און מאמרי חז"ל. וואס דאס מיינט איז, אז ווען א זון טוט גוטע מעשים, אין א געוויסער זין איז עס ווי זיין טאטע לעבט נאך און דרייט זיך אויף די וועלט און טוט גוטע מעשים. טעכטער אויך. טעכטער זענען אויך כרעיה דאבוה, קינדער זענען ווי די פיס פון זייערע עלטערן. און אפילו אויב קינדער טראכטן נישט אלעמאל פון זייערע עלטערן; דאך ווערן זייערע מעשים גערעכנט אויף זייערע עלטערן'ס זכות. דאס מיינט אז דער טאטע אדער מאמע וואס לאזן איבער קינדער אויף די וועלט, וועלן קיינמאל נישט פארלאזן אינגאנצן די וועלט - זיי וועלן ווייטער פארזעצן צו לעבן דורך די מצוות פון זייערע קינדער.

## ליפערונגען פונדערווייטנס

און וואספארא סארט מצוות? סיי וואס א קינד טוט. אויב דער קינד איז אן ערליכער איד, איז דאס שוין א גרויסער זכות פאר זיין פאטער און מוטער. אויב ער פירט אויס די פליכטן פון אן ערליכער איד, אויך אויב ער איז נישט עפעס א גרויסע פערזענליכקייט - ער איז א געווענליכער ערליכער איד -שיקט ער נאכאנאנד מתנות צו זיינע עלטערן. און אויב איז ער מער ווי בלויז אן ערליכער איד, אויב איז ער אן איש חסיד, אן עובד ה', איז דאס פיל א גרעסערער זכות פאר זיי.

יעדע מצוה, יעדע ברכה, יעדע פרוטה פאר צדקה וואס ער געבט איז ווי א מתנה פאר זיין טאטע און מאמע. דאס מיינט, טויזנטער אויף טויזנטער מצוות ווערן אפגעליפערט צו דיינע עלטערן און אור-עלטערן אין עולם הבא. כאטש וואס זיי זענען שוין יעצט אין גן עדן, זיי זיצן אויף א גאלדענער שטול און געניסן פון אלע תענוגים מזיו השכינה, זיי זענען ארומגענומען מיט די אויסערגעווענליכע שמחה וואס איז דא אין עולם הבא, פונדעסטוועגן, איז די הנאה פון זיין פארבונדן מיט די וועלט דורך א זון אדער טאכטער, א געוואלדיגע באפרידיגונג פאר זיי! זיי ווערן באלוינט מיט א געפיל, א הרגשה אז זיי זענען פארבונדן צו די געלעגנהייטן פון עולם הזה, און דאס שטילט זייער תאווה צו פארזעצן צו לעבן אויף די וועלט! עס געבט זיי צו פיל מער גליק אין עולם הבא.

## אינוועסטירן אינעם צוקומפט

אצינד קענען מיר אנהייבן באגרייפן דער געוואלדיגער פליכט פון ערציען א דור פון שומרי תורה ומצוות. אודאי איז א גרויסע מצוה צו האבן קינדער - ס'איז אן עבודת ה' צו חתונה האבן, ברענגען קינדער אויף די וועלט און זיי ערציען - אבער נישט נאר וואס מיר טוען דאס פאר עבודת ה', נאר מיר גרייטן אן פאר זיך איינע פון די גרעסטע פארדינסטן וואס איז שייך. ווען מ'שטעלט אויף אויף די וועלט א פאמיליע פון קינדער און מ'ערציעט זיי בדרך התורה, מאכט מען פאר זיך א פארמעגן פון נחת. דאס איז זייער וויכטיג צו געדענקען, אז נישט נאר וואס מ'העלפט דאס קינד, נאר נאכמער פון אלעם העלפט מען זיך אליין. סיי וואס דו טוסט פאר'ן חינוך פון דיין קינד, איז דאס א געוואלדיגע דערגרייכונג ווייל דו וועסט פארבלייבן אויף די וועלט לאנג נאך וואס דו וועסט זיך געזעגענען פון איר.

און דערפאר איז אזוי וויכטיג צו אינוועסטירן אלע כוחות אין די קינדער. ס'איז אזוי וויכטיג צו טראכטן נאכאנאנד, "וואס קענען מיר טון צו מאכן די קינדער די בעסטע וואס זיי קענען זיין? וועלכער חדר איז די בעסטע פאר חיים'ל? צו וועלכע שולע זאלן מיר שיקן חנה'לע?"

ווייל ווען מ'ערציעט א דור פון ערליכע בני תורה, פון עובדי ה', אינגלעך און מיידלעך וואס גייען אויפשטעלן אייגענע משפחות, נישט נאר וואס דו ביסט א גליקליכער מענטש אויף די וועלט - נאך אלעם, איז נישטא עפעס בעסער ווי ערליכע נחת; ערליכע קינדער זענען א גליק וואס פילט אן דיין הארץ מיט פרייד א גאנץ לעבן - אבער אין די קומענדיגע וועלט, דארט וועסטו געניסן פון די ריכטיגע שמחה. ווען דו וועסט פארלאזן די וועלט, דאן וועט זיך אנהייבן די אמת'ע נחת. די אייביגע נחת וואס דו וועסט באקומען פון דיינע קינדער איז אומבאשרייבליך.

## סערטיפיקאטן פאר דיינע קינדער

דאס איז וואס עס שטייט (תהלים קכח:ו), וּרְאֵה בָנִים לְבָנֶיךָ - אויב דו ביסט זוכה צו זען אן אייניקל, אה, אה, אה! מיין נישט אז ס'איז א קלייניקייט. אויב דו לאזט איבער א קינד, דאס מיינט אז דו ביסט נאך אויף די וועלט. און דאס קינד פון א קינד?! זאלסטו זיין אזוי פרייליך. נישט נאר ביי זיין ברית, ביים ערשטן מזל טוב, נאר סיי ווען דו זעסט אים זאלסטו אמת'דיג הנאה האבן דערפון. וּרְאֵה בָנִים לְבָנֶיךָ - קוק אויף אים און טראכט, "ברוך ה' איך האב זוכה געווען צו א זון'ס זון. דאס מיינט אז איך וועל זיין אויף די וועלט נאך לענגער. איך וועל זיין אויף די וועלט אויף אייביג און אייביג! דאס איז א דערגרייכונג! שלום על ישראל!"

עס איז א גרויסע גליק וואס דיינע קינדער און זייערע קינדער וועלן דיר געבן דורך זיין לייטישע ערליכע אידן. דערפאר וואלט איך פארגעשלאגן, אויב דו האסט גוטע קינדער, גיי צו א פלאקאט דרוקער און באשטעל צו מאכן א פלאקאט וואס עס זאל שטיין דערויף ווי פאלגנד: "דאס איז צו באשטעטיגן" - אויב ווילסטו עס האבן אין לשון הקודש, קענסטו לאזן שרייבן תְּעוּדָה זוּ תָּעִיד עָלַי כְּמֵאָה עֵדִים - "אז איה, מיין זון און מיין שנור, האבן מיר געברענגט זייער פיל נחת." לייג עס אין א ראם און הענג עס אויף אויפ'ן וואנט אין זייער הויז. דו ווילסט גיין נאך ווייטער? קענסט אויפהענגען אזא טאוול אויך אין די הייזער פון דיינע אייניקלעך. און אויב וועסטו דאס מאכן אין די הייזער פון דיינע אור-אייניקלעך, איז נאך בעסער.

## דיין אייביגע הויז

דערפאר איז ירושה אזא וויכטיגע זאך צו א מת, אז זיין הויז, זיין מקום קדוש, זאל פארזעצן צו לעבן א חיי נצחי. וועט איר זאגן, "עס קען אבער זיין אז מיין זון וועט נישט וואוינען אין דעם הויז. אפשר וועט זיך טוישן די סביבה, אומפאסיגע מענטשן וועלן זיך אריינציען אין געגנט און ער וועט זיך דארפן אוועקציען." נישט קיין חילוק - וועסטו ווייטער לעבן דורכדעם. אפשר וועט דאס הויז טאקע אויפגעטוישט ווערן פאר געלט, ער וועט קויפן מיט דאס געלט אן אנדער הויז; ער וועט ניצן דיין געלט צו באצאלן פאר זיין נייע הויז און דו וועסט האבן דערפון א באפרידיגונג, אן עונג פאר די נשמה, ווייסנדיג אז דיין הויז לעבט ווייטער.

און אפילו דו קענסט מער נישט גיין באזוכן דיין זון'ס הויז אדער דיין טאכטער'ס הויז, דו קענסט מער נישט באזוכן דיינע קינדער און אייניקלעך און אור-אייניקלעך, אבער דו ווייסט אז אין זייער הויז טוען זיי פארזעצן דעם דרך וואס זיי האבן געזען אין דיין הויז, ווי אויך אין די וועגן וואס זיי האבן געלערנט אין ישיבה אדער ערליכע מיידל שולע וואס דו האסט באצאלט שכר לימוד דערפאר! דאס הייסט, אז זיי טוען פארזעצן דיינע וועגן אויף אייביג און אייביג.

## הייליגע שבת געסט

אלזא, עס איז ווי דו זאלסט פאקטיש זיצן מיט זיי אין זייער היים, און בייוואוינען וואס עס טוט זיך אין דיין אלטע היים. דו זעסט ווי דיינע אייניקלעך היטן שבת; דו זעסט זיי זיצן ביים שבת טיש און זינגען זמירות און דו ביסט אזוי פרייליך אז דו זינגסט מיט. יא; מיין נישט אז דאס איז סתם גערעדט. דעם קומענדיגן שבת צונאכטס ווען דו וועסט זיצן ביי דיין שבת טיש, וועלן אלע דיינע אור-עלטערן אראפקומען און קוקן, זיי וועלן מיט פרייד מיטזינגען מיט דיר. "אה! דאס איז וואס מיר האבן געוואלט. דאס איז נחת. אונזערע קינדער רעדן פון בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ. אה, אונזערע קינדער טוען אזא געוואלדיגע זאך פאר אונז!"

זיי זענען אזוי גליקליך ווען זיי זעען אז דו גייסט בדרך התורה און ארבעטן זיך אויס; זיי פרייען זיך מיט די חתונות, די בר מצוות פון די אור-אייניקלעך; זיי לערנען אין ישיבות און טוען מצוות. די קינדער טראגן ציצית. די מענער לייגן תפילין. די אינגלעך און מיידלעך מאכן ברכות. זיי היטן די תורה. זיי היטן שבת און פירן זיך מיט דרך ארץ - יעדער איז פארנומען צו מקיים זיין כל התורה כולה.

און אזוי אויך, נאך וואס דו וועסט פארלאזן די וועלט, וועט אלעס פארזעצן, און דו וועסט נאך זיין דארט. ס'איז א געוואלדיגע שמחה צו בלייבן מיט פארשטייערס אויף די וועלט וואס זאלן פארזעצן דיינע גוטע מעשים אויף אייביג און אייביג. און דאס איז וואס דער ענין פון ירושה לערנט אונז. דו לעבסט ווייטער! דורך דיין הויז, דיין געלט, דיין אייגנטום און דיינע אייניקלעך, טוסטו ווייטער אויפטון אויף די וועלט. דיין ירושה ארבעט פאר דיר אויף אייביג.

# חלק ג׳ - לעבן דורך תלמידים און גוטע מעשים

## ס׳איז דא האפענונג פאר אלעמען

אלזא, איידער מיר ענדיגן אונזער יעצטיגע נושא, דארפן מיר אין אכט נעמען אז עס זענען דא געוויסע מענטשן וואס זענען נישט געבענטשט מיט קינדער; נישט יעדער פון אחינו בני ישראל זענען געבענטשט מיט די געלעגנהייט צו פארזעצן דאס לעבן אויף די וועלט דורך די מיטלען פון ירושה וואס מיר לערנען די וואך אין די פרשה. און דערפאר דארפן מיר צולייגן נאך עטליכע נקודות צו אונזער שמועס; דאס איז ריכטיג פאר יעדן אבער ספעציעל איז עס נוגע פאר די וואס האבן נישט קיין קינדער.

א מענטש וואס האט נישט זוכה געווען צו קינדער קען אויך זוכה זיין צו פארזעצן צו לעבן אויף אייביג אין עולם הזה. וְאַל יֹאמַר הַסָּרִיס הֵן אֲנִי עֵץ יָבֵשׁ - דער קינדערלאזער זאל נישט זאגן, "איך בין א טרוקענער בוים" - ער זאל נישט טראכטן אז ס׳איז נישטא קיין האפענונג צו אים (ישעיהו נו:ג). און דאס איז דערפאר ווייל יעדער מענטש לאזט איבער א ירושה אויף די וועלט; אפשר נישט א הויז אדער א קאר אדער קינדער, אבער ס׳איז דא עפעס זייער פאקטיש וואס ער לאזט איבער - אין א געוויסן זין איז עס נאכמער ממשות׳דיג ווי אייגנטום און אוצרות.

## קיינער וועט דערפון נישט אנטלויפן

כדי צו פארשטיין בעסער דעם ענין וועלן מיר אנהייבן דורך אפלערנען די רייד פון איינער פון אונזערע גרעסטע חכמים. די גמרא (ברכות יז.) זאגט אז אלעמאל ווען רבי יוחנן האט געענדיגט לערנען דעם ספר איוב, פלעגט ער זאגן אזוי: סוף אדם למות, דער סוף פון א מענטש איז אז ער מוז שטארבן, וסוף בהמה לשחיטה, און די ענדע פון א קו איז דער שעכטהויז, והכל למיתה הם עומדין, קיינער וועט נישט אנטלויפן דערפון; יעדער וועט צום סוף שטארבן.

רבי יוחנן פארגלייכט די ענדע פון א מענטש צו די ענדע פון א בהמה. ווען א בהמה האט געלעבט, האט עס געטון אסאך גוטע זאכן. עס האט געגעבן מילך. מילך איז א געוואלדיגע גוטע זאך! עס האט אויך געארבעט - ס׳האט געשלעפט א וואגן, ס׳האט געמיסטיגט די פעלדער, אפשר האט עס אויך מהנה געווען קינדער. א קו איז זייער נוצבאר ווילאנג עס לעבט; ס׳איז א גרויסע מתנה מן השמים.

אבער ווען מיר שחט׳ן א קו מיינען מיר אז ס׳איז געענדיגט. דאס איז די ענדע פון די קו אויף די וועלט. אבער רבי יוחנן לערנט אונז אז ס׳איז נישט געענדיגט - די קו זעצט פאר צו עקזיסטירן אויף די וועלט פאר א לאנגע צייט.

## די קיען לעבן ווייטער

ערשטנס, דורך די קו האבן מיר פלייש אין די טשולענט; דאס איז שוין עפעס! מיר שעצן די מתנה פון די קו אויף דעם. און ס׳איז דא מער דערצו. די קו לעבט אפשר צוואנציג יאר; צופיל מער דערפון קען עס נישט לעבן. אבער פון די קו׳ס הויט מאכט מען שיך, וואס פיל מאל האלטן זיך די שיך א לאנגע צייט; א גוטע פאר שיך קען מען אמאל ניצן פאר דרייסיג יאר. דאס מיינט אז די קו לעבט ווייטער אויף דיינע פיס מער יארן ווי עס קען לעבן אין פארם.

מ׳קען אויך מאכן פון די קו׳ס הויט לעדערנע גארטלען. פיל מענטשן אויף די וועלט קענען אנהאלטן אויף זיך זייער הויזן צוליב דעם טויטן קו. א גוטער גארטל קען זיך האלטן א לאנגע צייט. עס זענען דא נאך בעסערע זאכן! מ׳קען מאכן פון די קו׳ס הויט רצועות פאר תפילין און בתים פאר תפילין. פון די הויט קען מען אויך מאכן א ספר תורה וואס וועט צומאל האלטן אפילו הונדערט יאר.

איז די בהמה, ווען עס שטארבט, איז עס צומאל מער נוצליך ווי ביים לעבן. דאס מיינט סוף בהמה לשחיטה - דער ענד ציל פון די בהמה איז ווען ס׳ווערט גע׳שחט׳ן; צומאל הייבט זיך הערשט דאן אן זיין תפקיד; עס טוט אויף מער נאך איר טויט ווי ווען עס וואלט געבליבן לעבן.

## א מענטש לעבט ווייטער אויף די וועלט

און אזוי קומט רבי יוחנן און זאגט אז דער מענטש איז אויך אזוי. סוף אדם למות, די ענדע פון א מענטש איז אז ער מוז שטארבן; אבער פונקט ווי ביי די קו, איז דאס פאקטיש נישט זיין ענדע. א מענטש קען אויך פארזעצן צו לעבן ווייטער אויף די וועלט און קונה זיין זכותים. און דערפאר, ווייל מיר ווילן לעבן אויף אייביג, אַשְׁרֵי מִי שֶׁגָּדֵל בַּתּוֹרָה - וואויל איז דעם מענטש וואס איז אויפגעוואקסן מיט תורה, וַעֲמָלוֹ בַּתּוֹרָה - און ער האט זיך געפלאגט אויף תורה; דאס מיינט אז ער איז אויפגעוואקסן אין א גוטע סביבה און האט אויך צוגעלייגט זיין אייגענע עבודה, וְעוֹשֶׂה נַחַת רוּחַ לְיוֹצְרוֹ - און ער האט געמאכט א נחת רוח פאר זיין באשעפער, וְגָדֵל בְּשֵׁם טוֹב - און ער האט זיך געמאכט א גוטער נאמען, וְנִפְטָר בְּשֵׁם טוֹב מִן הָעוֹלָם - און ער האט איבערגעלאזט די וועלט מיט א גוטער נאמען (ברכות יז.).

און איבער אזא מענטש, לערנט רבי יוחנן, זאגט אונז דער פסוק: טוֹב שֵׁם מִשֶּׁמֶן טוֹב - ס'איז בעסער א גוטער נאמען ווי א גוטער זאלב (קהלת ז.).

א גוטער זאלב וואס א מענטש לייגט אויף זיך פארשפרייט א ריח ארום אים וואס פארבלייבט אויך ווען ער פארלאזט דעם צימער און די מענטשן דארט געניסן דערפון. זאגט אונז אבער דער פסוק, עס איז דא עפעס בעסער ווי דאס: א גוטער נאמען איז בעסער ווי א גוטער זאלב. ווען א מענטש איז קונה ביי זיין לעבן א גוטער נאמען - ער פירט זיך מיט גוטע מידות און יראת שמים - לאזט עס א השפעה; עס פארבלייבט. ווען ער שפאנט דורך די וועלט, לאזט עס איבער א ריח פון זיין גוטער נאמען וואו ער גייט. און אפילו ווען ער פארלאזט די וועלט פארבלייבט דער ריח אין די אטמאספער; דער זיסער ריח פון זיין פערזענליכקייט פארבלייבט. "איך בין געווען דא," רופט עס אויס.

א לאנגע צייט צוריק איז געווען א ספרד'ישער מענטש וואס האט געוואוינט אין די געגנט, ער האט געהייסן רבי שמאי, ער איז געווען א ביישפיל פון א מענטש וואס האט איבערגעלאזט א שם טוב, א גוטער נאמען. ער האט געמאכט זייער א גוטער איינדרוק; ער איז געווען א צדיק און מענטשן האבן אים געשעצט. יארן לאנג נאך וואס ער האט פארלאזט די וועלט האט מען נאך גערעדט פון אים דא. זיין אויפפירונג, זיינע מצוות און מעשים טובים האבן ווייטער משפיע געווען אויף די וועלט.

איך האב שוין פיל מאל דורכאויס מיין לעבן געטון געניסן פונעם ריח טוב פון גוטע מענטשן. איך געדענק אן ערליכער איד, יארן צוריק האב איך אים זייער גוט געקענט. איך פלעג אים באטראכטן, כ'האב אים ליב געהאט און אים געשעצט. ער האט נישט געוואוסט, אבער ער איז געווען מיין פארבילד און ער האט געהאט א שטארקע השפעה אויף מיר. כ'האב אים געקענט אלס בחור אבער ער ליגט מיר נאך אין זכרון, כ'קען נישט פארגעסן פון אים.

נאך אן ערליכער איד האב איך געקענט ווען איך בין שוין געווען אן ערוואקסענער; ער איז געווען אן עלטערער איד. דער מענטש איז געווען באהאוונט אין אלע פוסקים, אלע שאלות ותשובות. ער איז געווען א מענטש וואס האט קיינמאל נישט גערעדט קיין לשון הרע, ער האט זיך קיינמאל נישט אויפגערעגט אויף קיינעם. כל ימי, אלע מיינע טעג האב איך אים באטראכט; ער איז געווען א תמים אין כאראקטער, א קידוש ה', און איך האב זיך אפגעלערנט פיל זאכן דורך אים נאכקוקן. איך בין זיכער ער האט משפיע געווען אויף נאך פיל מענטשן אויסער מיר. ער לעבט שוין נישט אבער זיין ריח טוב וואס ער האט איבערגעלאזט אויף די וועלט געפינט זיך נאך דא.

## פארשטיין צו א שמעק

אבער איך וויל איר זאלט פארשטיין אז דער 'גוטער ריח' וואס א מענטש קען איבערלאזן אויף די וועלט איז נישט בלויז רוחניות; ס'איז א פיזישע זאך. די וואס זענען אפילו בלויז אביסל באקאנט מיט וועלטליכע וויסנשאפט ווייסן אז א גוטער שמעק איז נישט בלויז 'א שמעק' - ס'איז זייער עכט. ווען א זאך וואס פארשפרייט א גוטער ריח ווערט ארויסגעטראגן פון צימער און מען שמעקט נאך אלץ דעם ריח, מיינט עס אז עס זענען דא מאלעקיולס אין די אטמאספער וואס מ'אטעמט אריין. מען זעט עס נישט אבער ס'איז עכט - עס זענען דא מיליאנען מיקראסקאפישע מאלעקיולס וואס שוועבן אין די לופט און ווען מ'אטעמט אריין באהעפטן זיי זיך צו

די גערוך אויפנעמערס אין די נאז, וואס די אויפנעמערס שיקן א שליחות צום מח. ריח איז ממשות'דיג - אויב האט מען די ריכטיגע כלים קען מען עס זען מיט די אויגן.

אלזא, דער ריח פון א שם טוב וואס א מענטש לאזט איבער אויף די וועלט איז אויך אזוי; ס'איז פיזיש. אזוי איז אויך מיט דעם ריח פון די גוטע מעשים, ווי חסד, מצוות בין אדם לחבירו, בטחון, לימוד התורה, תפילה, קבלת יסורין באהבה און נאך פיל זאכן. דער ריח פון אט די געהויבענע פירונגען וואס מ'לאזט איבער אויף די וועלט טוט ווייטער שוועבן אויפ'ן עולם הזה. עס ווערט נישט פארלוירן; דיינע מעשים פארלאזן נישט די וועלט, זיי זעצן פאר צו לעבן ווייטער - און דאס איז די ירושה וואס איז די וויכטיגסטע פאר די נשמה ווען זי געפינט זיך אויף די קומענדיגע וועלט.

## תינוקת של בית רבן

איך האב געקענט א געוויסער צדיק, ער האט נישט געהאט קיין קינדער, ער פלעגט צוזאמנעמען קינדער יעדן חול המועד און רעדן צו זיי. ער פלעגט לערנען מיט זיי און דערציילן מעשיות און דערנאך האט ער זיי געגעבן מתנות פאר זייער לערנען. ס'איז געווען א הערליכע זאך!

דאן איין טאג איז געקומען די צייט און דער צדיק האט פארלאזט די וועלט און עס איז זענען אפגעשטילט געווארן זיינע גוטע הנהגות - ס'איז געווען א קול דממה דקה. אוי, וואספארא רחמנות! א צדיק האט פארלאזט די וועלט; ס'זעט אויס ווי ער איז פארלוירן געגאנגען.

אבער ניין, ער איז נישט פארלוירן געגאנגען! ערשטנס, די אלע אינגלעך זענען שוין היינט ערוואקסענע מענטשן און זיי לעבן מיט די השקפות וואס ער האט אריינגעלייגט אין זייערע קעפ - זיי וועלן דאס לערנען פאר זייערע קינדער און אייניקלעך אויף אייביג! און אויסער דעם; דער בלויזער פאקט אז ער האט גערעדט צו זיי מיינט אז זיינע רייד טוען אפהילכן און ווידער אפהילכן אין די אטמאספערע. דאס איז וויכטיג צו וויסן. זיי ווערן נישט פארלוירן! די לופט איז מער ריין צוליב דאס וואס ער האט גערעדט! ווען איר גייט אויפ'ן גאס וואו ער איז געגאנגען, אטעמט איר אריין די דאזיגע לופט. איר ווערט נתקדש ווייל איר זענט אין דעם ארט וואו דער מענטש האט אלעס אויסגעלייטערט דורך זיין אנוועזנהייט.

## תיקון עולם

איך האב געהערט פון דער ליובאוויטשער רבי ווי ער האט געזאגט: "ווען א מענטש גייט אין גאס לערנענדיג צו זיך משניות, איז דער גאס מער נישט דער זעלבער גאס!" מיט דיינע הייליגע דיבורים טוסטו פיזיש טוישן די וועלט. עס איז נישטא קיין ספק אין דעם.

דער גרעסטער טייל פון די מענטשהייט טוט מיט די וועלט פונקט פארקערט; וַתִּטְמָא הָאָרֶץ - און די ערד ווערט אומריין פון שלעכטע מעשים. די רשעים לאזן איבער א שלעכטן ריח אויף די וועלט. עס שמעקט פאקטיש שלעכט. ווען מ'גייט פארביי א טעאטור דארף מען זיך צוהאלטן די נאז. עס העלפט נישט דאס אריבערגיין צו די אנדערע זייט גאס ווייל דער שטונק איז שרעקליך - מ'דארף זיך פאקטיש פארשטאפן די נאז.

## אויסרייסן פארפעסטיגונג

דערפאר, כדי צו האבן א כח קעגן דעם, דארפן מיר ווי ווייט מעגליך פארשפרייטן א גוטע גערוך פון מעשים טובים, פון תורה און מצוות און גוטע מידות. פון גוטע מעשים ווערט די לאנד מער טהור און מער קודש. נישט נאר ארץ ישראל. וואו אימער דו גייסט, קענסטו אויסלייטערן די אטמאספערע, דערהייבן די וועלט. אלעס ווערט בעסער אלס רעזולטאט פון וואס דו טוסט און וואס דו זאגסט.

ס'איז א גרויסער אחריות, פארשטייט זיך, אבער ס'איז וויכטיג מיר זאלן אנערקענען אין די וואורהייט דערפון. דו ביסט משפיע אויף די וועלט דורך דיינע מעשים. ווען דו גייסט אין גאס און דו טראכסט פון יציאת מצרים אדער מתן תורה אדער שור שנגח את הפרה, אדער מאכסטו גאר א חשבון הנפש, דו טראכסט ווי ווייט דו דארפסט ארויסווייזן כבוד צו דיינע עלטערן, וויפיל דו דארפסט שעצן דיין ווייב און איר מאכן פריילין; דו טראכסט ווי א איד דארף טראכטן, געדענק אז דו רייניגסט די גאס; דו מאכסט עס לויטער! נישט קיין חילוק וועלכער גאס דאס איז. די גאסן היינט זענען אזוי פול מיט טומאה, עס דארף האבן א גרויסער מאס פון

אויסלייטערונג - דו דארפסט צולייגן אסאך מחשבה ווען דו גייסט אין גאס - אבער אין יעדן פאל, טוסטו אויף דערמיט.

## א ווארטזאגער איןביידע וועלטן

דאס איז וואס שטייט (אבות ד:יא), הָעוֹשֶׂה מִצְוָה אַחַת, קוֹנֶה לוֹ פְּרַקְלִיט אֶחָד - אויב דו טוסט איין מצוה, באשאפסטו פאר זיך איין אדוואקאט; איינער וואס זאל רעדן פאר דיינעט וועגן. ווערסטו קלערן אז דער מלאך וואס ווערט באשאפן דורך דיינע מעשים ווארט אויף ווען די צייט וועט קומען וואס דער בית דין של מעלה וועט דארפן אפשאצן וואס דו האסט אויפגעטון אויף די וועלט, דאן וועט דער מלאך זיך אויפשטעלן און רעדן פאר דיר. דאס איז ריכטיג, אבער ס'איז פיל מער ווי דאס - וואס עס באדייט איז, אז דו באשאפסט עפעס וואס עקזיסטירט ווייטער אין די וועלט! נישט נאר וואס ער רעדט פאר דיר ביים יום דין - ער רעדט אויך אויף די וועלט; דו הערסט אים נישט אבער ער רעדט.

לאמיר זאגן דו האסט געזאגט עפעס גוטע ווערטער צו א צווייטן איד; דו ביסט געווען א מעודד ענווים, דו האסט איינעם מחזק געווען און אים געמאכט גוט פילן. זאלסטו וויסן, די ווערטער האבן זיך נישט געענדיגט נאך וואס ס'איז אריין אין קאפ פון דעם צוהערער. עס לעבט ווייטער פאר אייביג און אייביג. דאס איז דער פרקליט פון וואס די משנה רעדט. ס'איז א ווארטזאגער וואס וועט קיינמאל נישט אויפהערן רעדן. דיינע גוטע מעשים, דיינע גוטע ווערטער, אפילו דיינע גוטע מחשבות, פארבלייבן אין די וועלט, און זיי זענען משפיע אויף די וועלט!

## קינדער פאר די קינדערלאזע

יעדע גוטע מעשה, יעדע מצוה, איז א פרקליט. אויב דו לערנסט א מסכת און דו חזר'סט עס און ביסט עס קונה, דאס איז דיין בחור, א הערליכער זון. בבא קמא איז א הערליכער קליינער אינגל וואס דו פארמאגסט, גלייב מיר. אדער זאל דאס זיין מסכת מגילה; דאס איז גאר א קליינער אינגל אבער דאך אן אייניגער שיינער אינגל. ווי מער מסכתות דו לערנסט אלס מער קינדער האסטו. אויסער דער שכר וואס מ'באקומט פאר לערנען תורה, דער בלויזער פאקט אז די ווערטער טוען לעבן אויף אייביג אויף די וועלט, דאס איז די ירושה דערפון.

פרויען קענען אויך לערנען געוויסע טיילן פון די תורה. מסילת ישרים איז א הערליכע קינד. חובת הלבבות און שערי תשובה זענען הערליכע קינדער וואס וועלן לעבן אויף אייביג. מעשים טובים זענען זייער הערליכע קינדער. עס זענען דא אזויפיל זאכן צו טון. מענטשן דארפן שטענדיג הילף. פרויען קענען אויפטון א געוואלד זאכן. אויב דו העלפסט אנדערע מענטשן, זענען די מעשים טובים דיינע קינדער; אין א געוויסן זין איז עס עפעס ווי דיין קינד. עס ווערט נישט פארלוירן. ווען מענטשן לעבן מיט ערליכקייט ווערט עס נישט פארלוירן; עס ווערט געהיטן אויף אייביג אין די אטמאספער דא, און דאס איז אן אמת'ע ירושה וואס א מענטש לאזט איבער אויף די וועלט.

## גוטע געלט אינוועסטמענט

דער אמת איז, אז פונקט ווי א מענטש וואס לאזט איבער א ירושה פון געלט פאר זיינע דורות זעצט פאר צו לעבן דורך די געלט, קען א קינדערלאזער מענטש טון די זעלבע. ווען דו גיבסט פון דיין געלט פאר ישיבות אדער ארעמע תלמידי חכמים, איז עס צומאל פיל מער ווערד ווי דאס וואס דו לאזט איבער פאר דיינע קינדער - ווייל עס ווענדט זיך אויף וואס די קינדער ניצן דאס געלט. אויב דיינע קינדער וועלן יעצט גיין אויף א לוסטרייזע צוליב די ירושה וואס דו האסט זיי איבערגעלאזט, דאן זענען דא פיל בעסערע צוועקן פאר וועלכן צו געבן דיין געלט. דער ריח פון א לוסטרייזע דארפסטו ווי א לאך אין קאפ.

ווען דו ביסט מנדב פון דיין געלט צו א ישיבה און דורכדעם זיצן בחורים און לערנען גמרא, דאן לערנט דיין געלט גמרא. ווען די בחורים זענען אויף שפעט ביינאכט אין דעם בית המדרש, דאן זיצטו נעבן אט די בחורים. דיין געלט לערנט מסכת בבא קמא. ס'איז נישט בלויז אז דו האסט געגעבן געלט; דו האסט מקיים געווען די מצוה פון צדקה און דאס איז עס, יעצט ביסטו פארטיג, ניין, דו ביסט נישט פארטיג - דו האסט בלויז אנגעהויבן; דו האסט אנגעהויבן צו דערגרייכן געוואלדיגע זאכן!

א מענטש האט מיר אמאל דערציילט אז זיין ווייב איז אוועק פון די וועלט, האב איך אים געזאגט, "קויף אפאר

ספרים און לייג עס אין ישיבות אין איר נאמען." אזוי, ווען די תלמידים וועלן לערנען אין ישיבה פון דעם ספר, איז עס ווי זיין ווייב העלפט זיי צו לערנען תורה. יא, אויסדריקליך, ס'איז אזוי ווי זי זיצט אין בית המדרש און לערנט תורה, אפילו יארן נאך וואס זי האט פארלאזט די וועלט. זי לעבט אויףביידע וועלטן אין די זעלבע צייט.

## א פוס אין ביידע וועלטן

דאס איז וואס דוד המלך האט געבעטן: אָגוּרָה בְאָהָלְךָ עוֹלָמִים - איך וויל וואוינען אין דיין געצעלט אויף אייביג; אין ביידע וועלטן (תהלים סא:ה). 'דיין געצעלט' מיינט דער אהל ה' וואו דוד פלעגט קומען מיט זיינע חברים צו זינגען שבחים צום באשעפער און לערנען תורה צוזאמען. דוד האט געזאגט, "איך וויל וואוינען אין דעם געצעלט אויף אייביג."

פרעגט די גמרא (יבמות צו:), "איז דען מעגליך פאר א מענטש צו וואוינען אין ביידע וועלטן אין די זעלבע צייט?" וואס איז דאס וואס ער בעט אז ער זאל פארבלייבן אין דעם געצעלט פון די וועלט אויף אייביג? ער וויל דען נישט עולם הבא?!

זיכער האט דוד המלך געוואלט עולם הבא. אבער אויב איז ער דא, ווי אזוי קען ער זיין דארט?

יא, מ'קען זיין אין ביידע ערטער אין די זעלבע צייט. ווען א מענטש לאזט איבער א גוטער נאמען, א ריח טוב, אויף די וועלט, דאן אפילו ווען ער איז שוין אין די קומענדיגע וועלט און געניסט פון זיין נצחיות'דיגער שכר, קען ער נאך אלס פיזיש זיין אויך אויף די וועלט אין פארעם פון זיינע גוטע מעשים; דורך דעם ריח טוב וואס ער האט איבערגעלאזט אויף די וועלט.

## דער לימוד פון ירושה

און דאס איז דער וויכטיגסטער לימוד פון דער ענין פון ירושה. הלכות ירושה איז נישט בלויז דער סדר פון דיני ממונות כדי מיר זאלן זיין אנדערש ווי די אינדיאנער; ס'איז נישט בלויז א גוטער אויסגעארבעטער סדר כדי עס זאל נישט זיין א הפקר וועלט. און ס'איז אפילו אויך נישט דערפאר ווייל מיר ווילן זיין גומלי חסדים מיט אונזערע פאר'אבל'טע קינדער.

די דינים פון ירושה איז א גמילת חסד מיט די נשמה צו ערפילן איר באגער אז ס'זאל נישט פארלירן איר פארבינדונג מיט די וועלט. דער באשעפער זאגט צו אונז, "איך וויל דיר לערנען א לימוד איבער עולם הזה. איך וויל דו זאלסט וויסן ווי ווייט די נשמה לעכצט פאר די געלעגנהייטן וואס זענען דא אויף די וועלט - אזוי שטארק אז אפילו נאך וואס די נשמה פארלאזט די וועלט, וויל זי נאך אלץ בלייבן פארבונדן צו עולם הזה."

## גרייט אן דיין אייגענע ירושה

און דער לימוד איז נוגע פאר אלע פון אונז; מיט קינדער אדער אן קינדער, מיט ירושה אדער אן ירושה. יעדע נשמה וויל ווייטער לעבן אויף די וועלט אויף אייביג, ווייל דאס איז זיין איינציגער וועג צו מצליח זיין. און דערפאר, ווען דו לייגסט אריין כוחות צו פארבעסערן די וועלט, צו איבערלאזן עפעס, איז אין א געוויסן זין דער גערון וואס דו טוסט פאבריצירן פונקט אזוי ווערדפול ווי צו איבערלאזן קינדער אדער געלט.

די פרקליטין וועלן רעדן אין דעם מענטש'ס נאמען אויף אייביג אין ביידע וועלטן און ווי מער ווארטזאגערס ער האט פאר זיך, אלס העכער איז דער קול; ס'מאכט א געוואלדיגער גערודער א גאנצע צייט, לאנג נאך וואס ער איז שוין נישטא. און דער מענטש קוקט אראפ אויף זיינע קינדער, אויף זיין אייגנטום, און די וויכטיגסטע פון אלעם, אויף דעם ריח טוב וואס ער האט איבערגעלאזט אויף די וועלט, און ער איז פרייליך אז ער טוט פארזעצן צו לעבן אויף אייביג אין ביידע וועלטן, איינהאנדלענדיג די זכותים פון דעם שם טוב וואס ער האט איבערגעלאזט אין עולם הזה. און דאס איז פון וואס די נשמה האט די מערסטע הנאה - ווייל די ירושה פון דער שם טוב וואס ער האט איבערגעלאזט אויף די וועלט איז די ירושה פון וואס די נשמה געניסט אויף יענע וועלט פאר אייביג און אייביג.

# שאלות ותשובות
## מיט ר' אביגדור מיללער זצ"ל

## שאלה:

**ווי אזוי האט פנחס ארויסגעוויזן זיין ליבשאפט צו כלל ישראל ווען ער האט גע'הרג'ט זמרי?**

## תשובה:

**דער** ענטפער איז, אויב וויל מען אז דער באשעפער זאל ארויסווייזן זיין ליבשאפט צו דאס אידישע פאלק, דארף מען אויפשטיין און זיך אנצונעמען פאר'ן כבוד פון באשעפער. ווען דו ביסט א קנאי, דאס מיינט דו ווערסט אויפגעקאכט ווען דו זעסט רשעים עובר זיין אויף זינד און דו שטייסט אויף צו ווייזן דיין ברען, דו שטייסט אויף זיך אנצונעמען פאר דאס וואס איז הייליג ביים באשעפער, דאן ווייזט דער באשעפער ארויס זיין ליבשאפט צו דאס אידישע פאלק. דו דארפסט זיין א פייער מיט אן אמת, א פייער קעגן די רשעים. פראטעסטיר! שטיי אויף רעדן! אויב דו טוסט אזוי, דאן וועט דער באשעפער ארויסווייזן מער ליבשאפט צו די אידן. "מיינע קינדער רעדן פאר מיינעט וועגן!" זאגט דער באשעפער, "איך האב זיי ליב צוליב דעם!"

אבער אויב דו בלייבסט שטיל; אויב דו זעסט מענטשן טרעטן אויף די תורה און דו זאגסט גארנישט - עס איז שטערט דיר נישט; עס גייט דיר נישט אן - זאגט דער באשעפער, "דאס איז מיין פאלק?! מיינע מענטשן דארפן זיך אננעמען פאר מיר!" עס שטייט אז מען דארף ליב האבן דעם באשעפער און פיינט האבן דעם באשעפער'ס פיינט! דוד המלך זאגט, הלא משנאיך ה' אשנא - "באשעפער, האב איך דען נישט פיינט דיינע פיינט?! איך האב פיינט די וואס זענען מורד קעגן דיר."

זייט נישט ווי די פאלשע ליבעראלן וואס זאגן, "מיר האבן אלעמען ליב." זיי האבן יעדן ליב אויסער די ערליכע מענטשן. זיי האבן ליב קרימינאלן. זיי האבן ליב עטנישע גרופעס. זיי האבן ליב די ספאנישע. אלעמען האבן זיי ליב אויסער די גוטע מענטשן.

און דערפאר זאגט דער באשעפער, "אויב דו ווילסט זיין באליבט ביי מיר, דארפסטו זאגן אז דו ביסט נישט באפריינדעט מיט מיינע פיינט." און דו דארפסט עס מיינען מיט אן אמת. און דערפאר, די וואס שטייען אויף צו רעדן קעגן די פיינט פון באשעפער, זיי פארמערן די ליבשאפט פון באשעפער צו דאס אידיש פאלק. דער באשעפער האט ליב די קנאים.

בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת,
אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה**,

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד מיט הונדערטער**
**אידן ארייינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

**צו מנדב זיין "תורת אביגדור" רופט:**

**347-755-8860**

yiddish@torasavigdor.org

לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן